ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
## האזינו

אידיש

**553**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# אחד וחמישים

## • האזינו •

אַ מענטש זאָל נישט אַוועקגעבן זיין צייט
אויף זוכן קצין (זמנים), ווען די גאולה וועט
קומען, ער זאָל נאָר אַריינטאָן אין האַרץ
דעם פרינציפּ פון גלויבן אין דעם קומען
פון דעם גואל, און זאָל שטרעבן עס זאָל
זיין אין זיין צייט, אַז ער זאָל דערגרייכן
שלימות פאַר זיין גוף און נפש.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון איין און פופציגסטער פרק


**א.** די מעלות וואָס די אידן וועלן באַקומען אין די טעג פון משיח ........................................................ ג

**ב.** עטליכע טעמים אויף דעם אריכות הגלות................. ד

# פרק אחד וחמישים

**א. יום הנחמה,** דער טאָג ווען מיר וועלן געטרייסט ווערן און משיח וועט קומען, איז פאַרשטעלט אויך פון די מלאכים, און ווייל אין דעם פריערדיגן פרק האָב איך גערעדט פון דעם וואָס וועט זיין אין די טעג וואָס די גאולה וועט קומען, דערפאַר האָב איך מייחד געווען דעם פרק, אַז דער מענטש זאָל נישט פאַרברענגען זיין צייט צו זוכן רמזים פון דער תורה ווען משיח וועט קומען, ווייל ער וועט עס נישט דערגרייכן, ווייל די זאַך איז זייער באַהאַלטן, און דערפון קען נאָך אַרויסקומען שלעכטע זאַכן, אַז די פראָסטע מענטשן ווען זיי זעען אַז ער איז נישט געקומען אין דער צייט, זאָגן זיי אַז ער וועט שוין ח״ו נישט קומען, דערפאַר, דאַרף דער מענטש נישט מער, נאָר איינצוואָרצלען אין זיין האַרץ די אמונה, אַז דער גואל וועט קומען, און זאָל טראַכטן אין די ישועות און די טובות און די מעלות וואָס די אידן וועלן באַקומען אין די דאָזיגע טעג, און זאָל גלוסטן מיט גרויס חשק און מיט גרויס דביקות אַז די גאולה זאָל זיין אין מיינע טעג, כדי צו דערגרייכן דאָס גאַנצקייט פון זיין נשמה און זיין גוף, ער זאָל דערגרייכן צו פאַרשטיין די סתרי תורה. און דורך דעם ווערט ער אָנגערופן, אַז אַלע זיינע טעג האָפט ער צו דער גאולה, אַז מען וועט שוין צו אים קיין טענה נישט האָבן, האָסטו געהאָפט צו גאָטס הילף, ווייל עס איז דאָך נישטאָ קיין גרעסערער האָפענונג פון דער האָפענונג וואָס ער האָפט.

## די מעלות וואָס די אידן וועלן באַקומען אין די טעג פון משיח

**ב. וכיון,** און ווייל די מעלות וואָס זענען צוגעגרייט צו די אידן אַז די גאולה וועט קומען, זענען דאָך וואונדערלעכע זאַכן, וואָס קיין אויג האָט עס נאָך נישט געזען, ווי צום ביישפיל, דאָס ליכט וואָס

איז באַהאַלטן צו די צדיקים וואָס דער מענטש קוקט דערמיט פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, און ירושלים וועט זיין באַפעסטיקט מיט טייערע שטיינער וואָס הייסן נופך ספיר ויהלום, און אַרום דער שטאָט וועט זיין אַ פייערדיגער מויער, מלאכים וועלן היטן די מויערן מיט גרויס כבוד, און די פעל פון דעם לויתן וועט זיין אויף אירע מויערן, דאָס וועט שיינען פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, און אין דעם עסן פון דעם לויתן וועט זיך פילן אַלע מיני מטעמים, און זעמיל און זיידענע קליידער וועלן וואַקסן פון דער ערד, און פון די בערג וועט טריפן זיסקייט, און אַ פרוי וועט טראָגעדיג ווערן און וועט באַלד געבוירן, און וועט נישט האָבן קיין צער לידה, און נישט קיין צער גידול בנים, און אַלע טאָג וועט אַ פרוי געבוירן, און קיין טרויערקייט וועט נישט עקזיסטירן, נאָר פרייד און שמחה, און פיל כבוד און שלום וועט זיין, און פיל חכמה און פאַרשטאַנד און שיינקייט און גרויסקייט, און דער יצר הרע וועט דעמאָלט נישט געוועלטיגן, און קיין עקר און עקרה וועט נישט זיין, און קיין מום וועט נישט זיין אין קיין שום מענטש, און מען וועט נישט שטאַרבן, און די מתים וועלן לעבעדיג ווערן, און צו יעדער מענטש וועט זיין אָנגעגרייט אַלץ וואָס זיין האַרץ וועט גלוסטן, און ער וועט אַריינגיין אין גן עדן, און ירושלים וועט דערהויבן ווערן און גרויס ווערן ביז דעם כסא הכבוד, און נאָך פיל ענלעכע זאַכן וואָס האָט נאָר קיין צאָל נישט, און ספעציעל דער שם הוי״ה וועט זיין אויפגעשריבן אויף דעם שטערן פון יעדן באַזונדער.

## עטליכע טעמים אויף דעם אריכות הגלות

**ג. אם כן,** דערפאַר זאָל זיך דער מענטש נישט באַקלאָגן אויף דעם וואָס דער גלות געדויערט אַזוי לאַנג, ווייל צוצוקומען צו די מעלות וואָס מען וועט דעמאָלט גרייכן, אַפילו צו דער קלענסטער מעלה, מוז מען זייער געלייטערט ווערן, און לויט דעם צער נאָך וועט זיין דער שכר.

**ד. אך שמעתי,** איך האָב אָבער געהערט אַן אַנדערן טעם פאַרוואָס דער גלות געדויערט אַזוי לאַנג, ווייל השם יתברך האָט דאָך גוזר געווען אַז אַ גאַנצן טאָג זאָל ווייטאָג, און דער טאָג פון השם יתברך איז טויזנט יאָר, נאָר די טויזנט יאָר וואָלטן זיי באַדאַרפט לייגן זייער גרויסע יסורים, אין גאַנצן אָן מנוחה. און ווייל ער האָט געזען אַז מיר וועלן דאָס נישט קענען אויסהאַלטן, האָט ער געמאַכט לענגער דעם גלות, און האָט דעם צער צוטיילט אויף מער יאָר פון טויזנט, כדי אונז גרינגער צו מאַכן דעם גלות, און דער שיעור איז ווען עס וועט זיך אויסלאָזן דער צער פון די טויזנט יאָר. און מחמת דעם טעם קיין קיין שום מענטש נישט משיג זיין דעם טאָג פון דער גאולה, ווייל ער ווייסט נישט דעם שיעור פון דעם צער פון די טויזנט יאָר אויף וויפל דאָס איז צוטיילט געוואָרן, דעריבער, זאָל יעדער איד נישט פאַרמיאוסן די שטראָף פון השם יתברך, ווייל אַלץ וואָס ער טוט איז דאָס לטובת די אידן, און אונזער אויסלייזונג וועט זיין דורך השם יתברך, נישט דורך קיין מלאך און נישט דורך קיין שליח, נאָר דורך השם יתברך אַליין, וואָס דאָס איז אַ גאולה וואָס האָט גאָר קיין עק און נישט קיין סוף.

❀ ❀ ❀

בס״ד

**הפרשה הזאת**

**נדבת**

הרה״ח מוהר״ר

**יעקב בן נורמא רחל** נ״י

לעילוי נשמת זקינו

הרה״ח מוהר״ר

**יעקב בן רחל** ז״ל

# ת. נ. צ. ב. ה.